הייַנט 8 זייט!

Radom, dnia 15 Maja 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאָג כ״ח אייר תרצ״א

Redakcja i Administracja

Radom, Szwarlikowska 20.

*Oddział w Kielcach.*

אַנאָנסען - פּרייז:

אין מיל׳מעטער שורה: פארן טעקסט 40 גר.

" " " אין " 60 "

" " " נאָכ׳ן " 25 "

די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען 8 שפּאַלטען

אין טעקסט 4 "


# ראַדאָמער-קעלצער לעבן


## אכטונג! אויטאָבוסעז ראדאם-יעדלני אכטונג!

פון 1-ען מאַי הויבען אָן קורסירען סיסטעמאַטיש בעקוועמליכע
אויטאָבוסען פון דער שטאָדטישער קאָמוניקאַציע
אויף דער ליניע:

## ראדאם-ראיעץ-אנטאניובקע-שיצקי-יעדלני און צוריק

אבפאהר פון פל. 3-ער מאי

די פערוואַלטונג פון דער אויטאָבוסן קאָמוניקאַציע
אין ראדאָם



„טאז" געזעלשאַפט צו פערהיטען דאס געזונד
פון דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילן
אָבטיילונג אין ראדאָם.

די פערוואלטונג פון „ט אָ ז" אין ראדאָם מאכט בעקאַנט, דאָס

## די יערליכע אלגעמיינע פערזאמלונג

פון די מיטגלידער קומט פאָר ש ב ת דען 30 מ א י ה. י. פּינקטליך 8 אזייגער אָוועוד, אין אייגענעם לאָקאל פון „טאָז" (דלוגא 45)

טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג, 2) וואהלען פון פרעזידיום, 3) בעריכט פון דער פערוואלטונג, 4) קאַסע-בעריכט, 5) בעריכט פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, 6) וואהלען פון פערוואלטונגס-מיטגלידער און רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, 7) פרייע פאָרשלאגען.

בעמערקונג: אין פאל ווען אויף די אלגעמיינע פערזאמלונג וועלען נישט קומען די נויטיגע צאָל מיטגלידער, וועט לויט׳ן סטאטוט, די פערזאמלונג פאָרקומען דעם זעלבען טאָג, 9 אזייגער אָוועוד און וועט זיין גילטיג ביי יעדער צאָל אנוועזענדע מיטגליעדער.



## די ברויעריי „נעקטאר" אין ראדאם

וואָהל 45, טעלעפ. 55.

עמפּפעהלט פאָלגענדע ביערען:

**Marcowe** (העל) typu Dortmundzkiego

**Eksportowe Nektar** (העל)

—— typu Pilzeńskiego ——

**Staropolskie** (טונקעל)

—— typu Staropolskiego ——



## Kielecki Wzajemny Kredyt

**Sp. z ogr. odp.**

w KIELCACH (RYNEK 12)

przeprowadza wszelkie operacje bankowe.

*Załatwia inkasa na Kielce i okolice*

szybko, solidnie i tanio.



## וויכטיג פאָר פיינשמעקער

די בעסטע און פיינסטע לעמאָניאדען „MINERAL" זענען נאָר פון דער פירמע

די לעמאָניאדען ווערען אויסגעאָרבייט פון נאטירליכע פרוכטען אין זייער חעמישען צוזאמענשטעל בעפינען זיך אויך פערדייאונגס-מיטלען.

——— אין וואָס עס קען זיך יעדער איבערצייגען. ———

די חעמישע לייטונג פון דער פירמע „Mineral" ווערט אָנגעפיהרט דורך א געניטען חעמיקער, וועלכער האָט געארבייט אין דער קראָקאווער לאבאראטאָריום.

פאָדערט נאר לעמאָניאדען פון דער פירמע „Mineral"

מיט אכטונגספאלל

Wytwórnia wód gazowych i lemoniad

„MINERAL" w Radomiu

Piaski 28, tel. 335.

# ערנסט און זאכליך

## עטליכע ווערטער מכח די וואהלען.

מיר האבען אלזא אין ראדאם 12 וואהל-ליסטעס.

דער טערמין פון ענטשיידענעם קאמפף דערנעהנטערט זיך. אין צוויי וואכען ארום וועלען מיר שוין האבען דעם רעזולטאט פון די וואהלען.

וואהלען מאכען סיורפריזען, וואהלען בטבע איבעראשען און גיבען אפטמאהל גראד דעם היפך דיגען רעזולטאט ווי מען האט דערווארט. נאטירליך קאן מען בשום אופן נישט פאראויסזעהן דעם אויסגאנג פון די וואהלען.

די פערבליבענע צייט וועלען די בעזונדערע ריכטונגען אויסנוצען פאר זייער אגיטאציע. געוויס מוז מען אגיטירען און אגיטאציע איז געוואונשען. איינס אבער וואלט כדאי געווען, דאס די איינפיהרער פון די בעזונדערע ליסטעס זאלען זיין אביסעל קארעקטער ביי פיהרען די אגיטאציע. זאל נישט עפענטליך געוואשען ווערען יענעמ'ס שמוציגע וועש, זאל דאס ברודיגע וואסער נישט געגאסען ווערען אהן מאס און אהן שכל.

זאל די אגיטאציע און קריטיק זיין אנ'ערנסטע און זאכליכע און זאלען אויסגעמיטען ווערען די אלע דראסטישע מאמענטען, וועלכע קאנען מעהר שאדענען ווי נוצען ברענגען.

**מ. ווארשאווסקי**

# א מאסען-מיטינג אין האנדווערקער - קלוב.

שבת רעם 9-טען מאי איז פארגעקומען דער ערשטער מאסן-מיטינג געווידמעט די פארשטעהענדע וואהלען צום קהלה-ראט.

דעם פארזיץ האט געפיהרט ה' י. פעלדמאן. אסעסארען ג. לעווין און ב. זילבערשטרום.

דער ערשטער רעפערענט פר. קאטלער גיט איבער אין קורצען א איבערבליק איבער'ן ענשטעהן און ענטוויקלונג פון די יודישע קהלות אין פוילען. ער באגרינדעט די נויטיגקייט פאר פיהרען אנ'אקטיווע טעטיגקייט אין דער קהלה ספעציעל איף די געביטען קולטור און מאטעריעלע פערזארגונג. צום סוף כאראקטעריזירט ער די ערשטע קאנדידאטען און רופט די פערזאמעלטע צו שטימען פאר די איינציגע האנדווערקער און קליינהענדלער ליסטע № 3

עס רעפערירען נאך די ה"ה י. י. מאגנישעווסקי, משה דאזענבוים, י. ד. סטראוטשינסקי און ה' האכמאן וועלכע אגיטירען פאר די ליסטע № 3




# די אימפאזאנטע ל"ג בעומר - פייערונג פון דער יודיש - נאציאנאלער יוגענד אין ראדאם.

אינ'ם יום-טוב פון דער יודישער נאציאנאלער יוגענד זענען פארגעקומען טראדיציאנעלע אויספלוגען פון די ציוניסטישע יוגענר-ארגאניזאציעס. ל"ג בעומר האבען זייערע אויספלוגען איינגעארדענט: די ציונ. רעוויזיאניסטישע יוגענד - ארגאניזאציע „מסדה" קיין אנטאניובקע און דער „השומר הצעיר" מיט דער באהן קיין יעדלני. דער אויספלוג פון „מסדה" איז אויסגעפאלען זעהר אימפאזאנט און האט צוגעצויגען א גרויסע צאהל געסט. זעהר גוט האט זיך איינגעגעבען די „פעלד-צייטונג" ווי אויך דער קאלעקטיווער רעפעראט א. ד. ט. „פארוואס פייערען מיר ל"ג בעומר". רעפערירט האבען די עלטערע מסדה'ער. דער „השומר הצעיר" האט **פערברענגט דעם טאג ביי פערשידענע סקויטישע איבונגען, א"י-דיגע טענץ און ספארט שפילערייען.**

**דער „ברית תרומפלדור" האט איינגעארדענט זיין אויספלוג זונטאג אין אנטאניובקע. די תרומפעלדאריאנער האבען בעזוכט אין נאמען פונ'ם ציוניסטישען קאמיטעט די פרעזידיום מיטגלידער מ. ל. פישמאן און מ. באקמאן. זעהר פייערליך איז פארגעקומען דאס איבערגעבען די פאהן דער קבוצה „מרים". די פאהן האט איבערגעגעבען דער קבוצת דער ה' מ. ל. פישמאן. ביינאכט האט דער „ברית תרומפלדור" מיט דער ארקעסטער אין דער שפיץ דורכמארשירט די שטאדט. ווען דער צוג איז דורכגעגאנגען דורך דער לובלינער** ...

---

צווישען די 4 דערשאסענע געפינט זיך אויך דער טאטע, און אז אנטלאפען, אדער בעסער געזאגט, אז ארויסגעראטעוועט האט מען פיניעלע ראדאמער. דאס נעמט זיך דערפון וואס מיר האבען פאר'ן דערשיסען פיניעלען, ארויסגעצויגען פון איהם די מלבושים און זיי אויסגעטוישט מיט'ן טאטענ'ס. אזוי פערדעכטיגען די „טשעקא"-עקספערטען, וואס האבען פיניעלע גוט געקענט. זיי זאגען ארויס די דאזיגע השערה, שטיצענדיג זיך אויף די סימנים פון דעם אנטוהעכץ. אין פיניעלע'ס פנים האבען זיי שוין גארנישט געקענט דערקענען, ווייל ס'איז געווארען דורכגעלעכערט ווי א זופ פון די אונצעהליגע קוילען. ס'איז געווארען איין שטיק בלוטיגע מאסע אהן שום שפור פון א מענשליך געזיכט. די עקספערטען און דאקטוירים האבען נישט אנדערש נישט געקענט פעסטשטעלען די אויטענטישקייט פון דעם פערזאהן נאר לויט זייגע קליידער, און דעריבער געווען ביי אלע כמעט ווי א זיכערע זאך, אז דאס איז דער טאטע, ווייל אויך זיינע קליידער זענען שוין געווען גוט בעקאנט אין „טשעקא". דאס אלץ בין איך דערגאנגען אין מאסקווא. דארף הערשט אבער א גוואלדיגער פערדאכט, אז דאס שטיקעל ארבייט איז אונזערע טאקע צוליב דעם, וואס צווישען די 5 קאנטר - רעוואלוציאנערען האט זיך געפונען אונזער פאטער און שוואגער. דארט הויבט מען זיך אן צו כאפען אויף דעם עסק, דער דאזיגער השד ווערט נאך פערגרעסערט דערמיט, וואס אלע פרעגען זיך דארט, וואו איז קאמיסאר וואלאדיא. זיין פרוי און די טשעקא-אגענטקע „איסקרא" (דאס איז געווען דער פסעוודאנים אין „טשעקא" פון מיין יונגערע טאכטער). פאר וואס ווענען זיי אלע פונקט פערשווינדען געווארען אין דעם טאג, ווען ס'איז געשעהן די אפערע ביים איבערטוישען די עקזעקוציע-וואך ביי דער „סטיענקא"? בקיצור אין מאסקווא קאכט זיך און מען זוכט אונז. געזעהן, אז צו אונז איז שוין קיין רעטונג נישטא, בין איך אוועק צו דער 'געהיימער ארגאניזאציע פון דער קאנטר-רעוואלוציאנערען. איך קאן זיי צוליב מיין שפיאנאוש-טהעטיגקייט, און איך האב זיי דערצעהלט די גאנצע געשיכטע. די קאנטר - רעוואלוציאנערען נאכדעם, ווי זיי האבען אויסגעפארשט, אז אלץ וואס איך דערצעהל איז אמת, האבען מיר ארויסגעגעבען 7 פאלשע רוסישע פעסער מיט ערלויבנישען צו פאהרען קיין פוילען. דא האב איך זיי. נאט אייך און קוקט.—

סאליע האט זיך איינגעבויגען און פון זאק ארויסגענומען 7 פעסער. אלע האבען מיר אויפגעציטערט פאר פרייד אפילו וואלאדיא איז איבערראשט געווארען און פון גרויס פרייד זיך צוקושט מיט סאליע. אלע האבען מיר פשוט בעווינדערט סאליע'ס געשיקטע און אויסערגעוועהנליך פעהיגע ארבייט. זי האט אין מאסקווא אויפגעזוכט אלע אונזערע פאטאגראפיעס. זי האט דערביי ממש קינצען בעוויזען און זיי ארויפגעלעגט אויף די פעסער און אבגעסטעמפעלט.

דאן איז שוין מעהר קיין צווייפעל נישט, אז מיר ריהרען צו דער פוילישער גרעניץ. נאך אין זעלבען טאג זענען מיר אנגעקומען אהין. די רוסישע וואך האט גענומען עפעס צו-פיעל אויספרעגען און צו-פיעל אונז אנקוקען. דאס האט באלד דערשמעקט סאליע און זי האט ארויסגענומען איהר לעגיטימאציע אלס טשעקא-אגענטקע און מ'האט אונז תיכף אהן שום רעוויזיע דורכגעלאזט די רוסישע זייט. אויף דער פוילישער ליניע האט סאליע די לעגיטימאציע באלד פערניכטעט און נאך א קליינע רעוויזיע זענען מיר איבערגעגאנגען די גרעניץ. די פוילישער גרעניץ.

(פארטזעצונג קומט.)

לינער 18 וואו עס געפינט זיך דער „סוחרים פעראיין", האבען די אנוועזענדע אויף דעם ארץ-ישראל'דיגען באזאר, איינגעארדענט די תרומפעלדאריאנער א גרויסע אוואציע. אין אלגעמיין איז כדאי צו בעמערקען אז די היי-יעהריגע ל"ג בעומר פייערונגען האבען בעוויזען די גרויס פון די נאציאנאלע יוגענד-מחנה ביי אונז אין שטאדט.

# ערקלערונג פון דער ראדאמער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

חשוב ע רעדאקציע „ראדאמער קעלצער לעבען" אין ראדאם.

למען האמת, און אויפ'ן סמך פון § 32 פון פרעסע-געזעץ בעטען מיר אבצודרוקען אין אייער צייטונג פאלגענדע ערקלערונג:

אין צוזאמענהאנג מיט דעם נידערטרעכטיגען פאשקוויל א. ג. „די מאסקע מוז ארונטערגעריסען ווערען" (ראד. קעלצער לעבען" 18/358 פון 8/5 1931) אונטערגעשריבען דורך א אנאנימע גרופע, וועלכע האבען צום בעדויערען געהאט דעם טרויריגען מוט זיך אנצורופען „ציונים" ערקלערען מיר:

1) אז אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, זענען נישט פערהאנען קיין שום חלוקי-דעות, בנוגע צום פראגראם און טאקטיק פון דער טעטיגקייט אין דער קהלה.

2) אלע ערקלערונגען, אדער אונטערהאנדלונגען, אין נאמען פון אונזער ארגאניזאציע, און פון וואהל-קאמיטעט ביי דער ציונ. ארגאניזאציע זענען געפיהרט געווארען, נאכדעם ווי ס'זענען אנגענומען געווארען די געהעריגע החלטות, און ס'זענען דערצו געגעבען געווארען די געהעריגע פולמאכטען:

3) מיט עקעל און פעראכטונג ווארפען מיר אפ די זלזולים און שקר-בלבולים נעגען אונזער עהרען-פרעזעס חבר י. פרענקעל, מיט וועלכע ס איז פיעל דער אונפערשעמטער פאשקוויל, וועלכער קאן בלויז אנווייזען, אויפ'ן נידריגען און חיה'שען מצב, אין וועלכען זיינע מחברים געפונען זיך.

4) דער ציוניסטישער קאמיטעט ערקלערט, אז קיין איינציגער מיטגליד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, קאן מיט דעם העסליכען פאמפלעט קיין שייכות נישט האבען, און שטעלט פעסט, אז אויף א גאנצע דרייהע אלגעמיינע פערזאמלונגען איז איינשטימיג אויסגעדרוקט געווארען, אונזער פיעליעריגען פרעזעס און פערדינסטפולען עסקן—לעצטענס עהרען פרעזעס פון אונזער ארגאניזאציע—ה. י. פרענקעל, אנערקענונג און צוטרוי, פאר זיינע פערדינסטפולע לייסטונגען אויף ציוניסטישע און געזעלשאפטליכע געביעטען.

ס'איז פיעל נידריגער פאר'ן כבוד פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע צו פאלעמיזירען מיט דעם מין אנאנימען, און מיר גלויבען, אז אזעלכע מ'ני שרייבערצען צוזאמענגעשטעלט דורך אונפעראנטווארטליכע אנאנימען, וועלכע רופען זיך קיינמאהל נישט מיט זייער עהרליכען נאמען, נאר איינמאהל „יודישער קאמיטעט" איצט „א גרופע ציונים" און ווער ווייסט וויפיעל נעמען זיי וועלען נאך זיך צוקליבען — וועלען דורך דער יודישער עפענטליכקייט געשטעמפעלט ווערען מיט דעם געהעריגען נאמען, און צוריק געשליידערט צום ברודיגען מקור, פון וואנען זיי שטאמען.

פרעזידיום: מרדכי גערטנער.

מ. ל. פישמאן, מ. באקמאן, ש. צוקער.

**קאמיטעט-מיטגלידער;**

מאיר גראנעק, אברהם באקמאן, אלימלך פישמאן, ישעי' אייגער, משה וויינשטאק, הלל רוטמאן, שלמה ראזענבערג, משה גאלרפארב, יעקב יוסף (דגני) קארמאן.

**מיטגלידער פון וואהל-קאמיטעט ביי דער ציונ. ארגאניזאציע:**

משה ראטענבערג, משה לוקסענבורג, יהושע שטיינמאן, אברהם ברעסלער, ש. ערליך, גבריאל אייזמאן, ישראל שטאטווינער, מיכאל האפענהיים.

# גרויסער ערפאלג פון ארץ - ישראל - באזאר.

א גרויסען רושם האט איבערגעלאזט אין שטאדט דער ארץ-ישראל-באזאר, וועלכער איז איינגעארדענט געווארען דורכ'ן היגען פרויען-קרייז.

אין פערלויף פון די 8 טעג, וואס דער באזאר איז געווען אפען, האבען איהם בעזוכט א סך הונדערטער מענשען, וועלכע זענען פשוט געווען ענטציקט פון דער מוסטערהאפטער און זארגפעלטיגער איינארדנונג. מ'האט דארט געקריגען צו קויפען פון פערשידענסטע זאכען און אלץ פאר זעהר ציגענליכע פרייזען. א בעזונדערס גוטען איינדרוק האט געמאכט דער קיאסק פון די ארץ - ישראל - אויסארבייטונגען, וועלכע זענען זעהר גערן געקויפט געווארען און אויף וועלכע ס'איז געווען אזא-לעבהאפטע נאכפראגע, אז ס'האט כסדר אויסגעפעהלט און מ'האט געמוזט יעדען טאג צוברענגען פרישע ארטיקלען.

יעדען טאג, איבערהויפט אין איזענד איז אויפ'ן באזאר געווען א שטארקע בעוועגונג און מ'האט דארט געזעהען מענשען פון אלע שיכטען און ספערען פון דער יודישער בעפעלקערונג.

היינטיגען מאנטאג ביינאכט איז דער באזאר געשלאסען געווארען אין א פייערליכער און געהויבענער שטימונג.

מארגען שבת-צונאכט ארדענט איין דער פרויען-קרייז אין פשיביטניעווסקיס צוקערניע א דאנסינג, וועלכער וועט אייגענטליך זיין דער שלוס פון קערמאזש. א חוץ אנדערע פאראויסגעזעהענע אטראקציעס, וועט אויך אויכליצירט ווערען די געבליבענע סחורות פון באזאר פאר זעהר מעסיגע פרייזען.

ווי מ'הערט גרייט זיך דער עולם אויך צו בעזוכען דעם דאנסינג און ס'איז דעריבער צוגלויבען אז ער וועט אראב מיט א געהעריגען ערפאלג.

# זענען נערוועך- און קאפשמערצען היילבאר?

## אויך פאר רעוומאטיקער זעהר אינטערעסאנט!

מיר גיבען דא איבער דעם תוכן פונ'ם בריף פון ה' ב. בראטקאווסקי, לעמבערג ושענפנא פאלסקא: זייט א לענגערע צייט האב איך געליטען אונערטרעגליכע קאפשמערצען, וועלכע די דאקטוירים האבען בעצייכנעט אלס א כראנישען מיגרען. איך האב א סך מיטלען בענוצט אבער ליידער אהן א דויערנדען ערפאלג. אין די צייטונגען האב איך געלעזען וועגען די היילענדע ווירקונג פון טאגאל און ענדליך אויך דאס מיטעל געפרובט. נאכ'ן איינגעהמען פון טאנאל זענען באמת די לעסטיגע קאפשמערצען פערשוואונדען שוין זייט 3 חדשים פיהל איך מיך פולקומען געזינד.

עהנליכע ערפאהרונגען האבען געמאכט א סך טויזענדער ליידענדע, וועלכע האבען בענוצט טאנאל-טאבלעטען ביי רעוומאטיזם. גיכט. רייסען אין די געלענקען ערקעלטונגען, נערווען און קאפשמערצען ווי אויך ביי עהנליכע קראנקהייטען. ווען אנדערע מיטלען האבען פערפיהרט האט טאגאל אפילו און פעו'עלטערטע פאלען, אפט איבערראשענד גיטע ערפאלגען ערציעלט. טאגאל שטילט נור תיכף די שמערצען, נור איז אויך עוקר מן השורש די קראנקהייטען אויף א נאטירליכען אופן און איז אונשעדליך פאר'ן הארץ, מאגען און אנדערע ארגאנען. איבער 6000 דאקטוירים אטעסטאטען. פרובט דעריבער נאך היינט אליין אויס אבער פערלאנגט אין אייער אייגענעם אינטערעס נור טאגאל — ס'איז נישט פערהאנען גאר קיין בעסערס. אין אלע אפטייקען.

# א לאטעריע, וואס יעדער ראדאמער יוד ברויך שטיצען.

די ראדאמער פאפולערע געזעלשאפט „לינת-הצדק" ארדענט איין א לאטעריע. עס וועלען אויסגעפעלט ווערען פערשידענע ווערטפולע זילבערנע חפצים, וועלכע וועלען איינגעטיילט ווערען אויף פינף געווינסען.

דער צוועק פון דער לאטעריע איז אז די הכנסה פון די בילעטען זאל אין א געוויסע מאס צוזיסהעלפען די אינסטיטוציע פון איהר פינאנציעלען קריזיס. ס'איז איבעריג נאך אמאהל צו דערצעהלען די וויכטיגקייט און די גרויסע נוצען, וואס די „לינת הצדק" האט פאר די פיעל ארימע און אונפער-

מעגליכע קראנקע, װאס װענדען זיך דארט טאג־טעגליך נאך מעדיצינישע הילף. נעמענדיג דעריבער אין אכט דעם גרויסען און װיכטיגען צװעק פון דער לאטעריע װיל זיך גלויבען, אז קיינער װעט זיך נישט מונע זיין אין אלע אהן אונטערשעיד פון קלאס און שטאנד װעלען זיך בעטייליגען אין דער לאטעריע ביים אויסקויפען בילעטען און װעלען אזוי נאך געבען א מאטעריעלע אונטערשטיצונג פאר דער אזוי נוצליכער און סימפאטישער אינסטיטוציע.

# יודישע זמירות.

שבת צו-נאכט דעם 16 מאי 8.30 א זייגער װעט אונזער בן-עיר ה׳ ה. שפיעלמאן געבען קאנצערט דורך דעם ראדיא אין װארשא פון אייניגע תפילות װעלכע ס׳האט קאמפאנירט דער אין פערגאנגענעם דור װעלט-בעריהמטער קאמפאזיטאר יאנטעל פון װארשא זיין זיידע. די תפילות װעלען זיין: „אמנם כי כן, דרכך, אשקול, קרוץ מחמר, מה טוב ומה נעים, ששון ושמחה, לשנה הבאה בירושלים.״

# רינג
## פון דער יודישער טורן און ספארט געזעלשאפט „מכבי״ איז ראדאם.

ה׳ ד״ר נאדעל ענטפערט דעם ה׳ װאקשלאק עאוגעניוש מיט 10 זל. און רופט ארויס;

ה״ה ד״ר פריידאס מאוריצי-זשעראמ. 33
„ ד״ר פינקעלשטיין לודװיק-פילסור. 10
„ ד״ר קארמאן ש. — זשעראמסקי 25

ח׳ גוטמאן לעאן טראזגוטא 48 שפענדעט 10 זל, און רופט ארויס:

ח״ה זיסקינד ראיבן — פילסודסקיעגא 1
„ דאנציגער לייביש „ 1
„ בארענשטיין יחיאל—טראוגוטא (3)
„ גאטליעב לעאן — פיאסקי 48
„ ריכטמאן מרדכי — מאניושקי 21
„ שטעלמאן יוזעף — טראוגוטא (24)
„ פייפער חיים — קאושעניצקא 20
„ ליאנדאו לעאן—זשעראמסקיעגא 5

ה׳ האנדעלסמאן שלמה ענטפערט דעם ה׳ אייכענבוים מיט 10 זל. און רופט ארויס:

ה״ה מארגוליס ירחמיאל—קאזשעניעצקי 6
„ מיללער אלימלך—שװארליקאװס. 20
„ פעלדמאן אברהם — 1-ער מאי 50
„ פרידמאן לעאן—זשעראמסקיעגא 29
„ מידלער איזאק — מאניושקי (10)

ה׳ רייך אפרים זשעראמסקיעגא 78 שפענדעט 10 זל, אין רופט ארויס:

ה״ה געדטנער מרדכי — רװיינסקא 4
„ סאבעלמאן זעליג — זשעראמסקי 11
„ נאװאפאלסקי שלמה — ספאצער. 9
„ גאלדבערג ישראל — זשעראמסקי 9
„ רוטמאן יואל — רװיינסקא 3

פר׳ ד״ר ראקאטש ענטפערט דעם ה׳ ברעסלער גוסטאװ מיט 5 זל. און רופט ארויס:

פרוי גאלדבערג ראחעלא — דלוגא 23
פרוי ד״ר רובינליכט—פילסודסקיעגא 6
פראפ. האלצקענער ר.—זשעראמסקי 61

ה׳ טייטעלבוים זענאן ענטפערט דעם ה׳ אינזשיניער ראזענבערג מיט 5 זל. און רופט ארויס:

ה״ה שטיינמאן—יהושע—זשעראמסקי 21
„ גוטשטאדט ל. „ 20

ה׳ װאידיסלאװסקי ל. ענטפערט דעם ה׳ װענגער מיט 5 זל. און רופט ארויס:

ה״ה צימעט דוד — פיאסקי 26
„ בירענצװייג — זשעראמסקי 49

ה׳ פרידמאן יחיאל ענטפערט דעם ה׳ אייכענבוים י. מיט 5 זל. און רופט ארויס:

ה״ה קעסטענבערג העניעק — ספאצ. 16
„ בירענבוים אברהם — נראדזקא
„ אייכענבוים ברוך-קילינסקיעגא 13
„ פרידמאן אליעזר- „ 9

ה׳ סטאשעװסקי אייזיק שפענדעט 5 זל. און רופט ארויס:

ה״ה אייזערנער — זשעראמסקיעגא 87
פרל. גאלדמאן רוזשא- „ 11
ה״ה זאנגיער יונה — „ 11
„ רייכמאן אברהם — „ 34
„ בערנעמאן נחמן — „ 105
„ גראספעלד לעאן — אבאזשיסקא

ה׳ װיינבערג ארטור שפענדעט 5 זל. און רופט ארויס:

ה״ה מאג. קאהן מ. — ספאצעראװא 12
„ מאג. ספיריטוס ש. — סלאװאצ. 24
„ מינצבערג מ. — מאריאצקא 4
„ בירענבוים בערנארד — װיסאקא 46


NOWOCZESNE RADJO-ODBIORNIKI
KRYSZTAŁKOWE i LAMPOWE.
GŁOŚNIKI — SŁUCHAWKI — BATERJE.
Ładowanie i naprawa akumolatorów
i PATEFONY walizkowe i szafkowe.
SPRAWDZANIE, NAPRAWA i PRZERABIANIE RADJO-ODBIORNIKÓW
po cenach bardzo przystępnych.
BIURO RADJOTECHNICZNE
ZENON GARCZYŃSKI
RADOM, ul. Marjacka 12. — Telef. № 318.


„ נארימבערסקי מיכאל-מאלטשעװ. 12
„ פרידמאן חיים — ספאצעראװא 8
„ װארשאװער שמואל—לובלינער 27
„ קירסטענבערג שמואל—פילסור. 12
„ אינזש. זילבערשטיין י. —קראקאװ
„ אינזש. זילבערשטיין מ. —קראקאװ
„ װייצהענדלער שמואל — פשיסוחא

ה׳ ראזענשטיין ברוך שפענדעט 5 זל. און רופט ארויס:

ה״ה דאנציגער שמואל — לובלינער 29
„ דיאמענט יחזקיאל — „ 25
ה״ה מייערפעלד מאיר — גיסערסקא 24
„ פרידמאן אברהם—קילינסקיעגא 11
„ ראזענבערג אברהם—רװיינסקא 19
„ טייכמאן חיים — לובלינער 86
„ פעלדמאן קאפעל—קילינסקיעגא 9
„ װאולף לעאן — לובלינער 28
„ קירשענבוים אברהם-נאװאגראדז. 7
„ סאװא ישראל-װארשא מיט 25 זל.
ה׳ גראספעלד בערנארד װארשא מיט 15 זל
ה׳ לינדזען יוסף ראדאם לוב. 11 מיט 15 זל

# פון פערבאנד „מסדה״
## אין ראדאם.

שבת דעם 16 ד. מ. 3 נ. מ. װעט אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע (לובלינער 25) פארקומען א חברים-פערזאמלונג. אויף דער טאג-ארדנונג: רעפעראט א. ד. ט. „די געשיכטע פון יודישען לעגיאן״.

# פון ראדאמער ספארט-לעבען.

מיט גרויס אינטערעס איז ערװארט געװארען דער שבת׳דיגער מייסטער-שאפטס מעטש װעגען קל. „א״ צװישען די שטענדיגע יודישע געגנער מכבי און בר-כוכבא. ביידע מאנשאפטען האבען זיך װי געהעריג צוגעגרייט און ס׳איז דעריבער ניט קיין װאונדער, װאס דער ספארט-פלאץ פון ר.ק.ס. װאו דער מעטש איז פארגעקומען, איז געװען איבערפולט פון אנ׳עולם פון קנאפע 2 טויזענט צושויער.

אין אנהויב איז דער שפיעל אנ׳אפענער. ביידע צדדים פיהרען דורך שעהנע אטאקעס, און זיי װערען אבער שנעל צושלאגען פון דער גוטער פערטיידיגונג. די ערשטע העלפט ענדיגט זיך מיט 0:0.

נאך דער הפסקה איז ב״כ מעהר אין אנגריף און נעמט איבער ביסלעכװייז די איניציאטיװ אין זיינע הענד א״יין, בעװארפענדיג זיין געגנער מיט געפעהרליכע שאסען. אין רעזולטאט ציעלט ב״כ דאס ערשטע טויער. מכבי װיל פאר יעדען פרייז כאטש אויסגלייכען דעם רעזולטאט, אבער דאס געלונגט איהם נישט. מיט׳ן נצחון 1:0 פאר ב״כ ענדיגט זיך דער מעטש.

שיעדס-ריכטער ה׳ קלאשינסקי — שװאך.


TĘPI MOLE w ZARODKU
MOLOTOX
LOTNY-CZYSTY-EKONOMICZNY
ZAKŁADY PRZEMYSŁOWO-HANDLOWE
ST. ZELKOWICZ i S-KA WARSZAWA, DŁUGA 9

## מצבה קריצער ה. ל. העלשטיין

עט שותף

ראדאם, קאזשעניצער 18

האבע געארבייט אין וויען, בערלין און אויך אין ארץ-ישראל

נעם אן בעשטעלונגען אויף מצבות און אנדערע ארבייט

פון שטיין און מארמאר צו ביליגע פרייזען!


## אנידערטרעכטיגער שקר=בלבול

דערמיט ערקלער איך, אז הערענדיג פון דער געשיכטע מיט די הויזען בין איך פשוט ערשטוינט געווארען. איך בין א מענש שוין אין די עלטערע יאהרען, האב שוין דערוואקסענע קינדער. קיין צווייטער גנזעל אויסער מיר האט נישט נעארבייט און עס ארבייט נישט ביים ה' פ. און נישט ווי ס'איז געווען געשריבען, אז דער גנזעל איז ערשט נישט לאנג נאך דער חתונה. איך ארבייט שוין ביים ה' פ. 11 יאהר. נישט מ'האט געארבייט שפעט ביינאכט און נישט מ'איז געווען אזויפיעל ארבייט, נישט איך בין אנטלאפען און נישט געגאנגען צו א דאקטאר. איך הויב בכלל נישט אן צוויסען פון דער גאנצער געשיכטע און די גאנצע מעשה איז אויסגעטראכט און אויסגעזויגען פון פינגער. דאס איז א געמיינער אונערהערטער שקר-בלבול פון בייזע מענשען, ווען איך האב קיינמאהל קיין שלעכט'ס נישט געטוהן. זיי די דאזיגע פאלשע צינגען, האבען מיך מיט מיין מייסטער אריינגעלעגט אין א שם פאר אומזיסט און אומנישט. די דאזיגע געמיינע ארבייט פון יענע מענשען איז איינפאך א פראוואקאציע און שאנטאזש. איך וועל די מענשען קיינמאהל נישט מוחל זיין פאר אומשולדיג בעשמוצען מיך מיט מיין פאמיליע אויף אזא נידערטרעכטיגען אופן. איך וועל די בייזוויליגע מענשען. וואס האבען אפערירט מיין נאמען אין דער „עכאָ“ צוציהן צום געריכט און זיי וועלען זיין פעראנטווארטליך פאר זייערע מעשים.

מרדכי גאלדמאן זשאביע 15


## PRIMEROS

## פרעזערוואטיוועו ?!

איז די בעסטע

מאכט נישט קיין עקספערימענטען מיט אייער געזונד. לאזט אייך נישט אבערעדען צו בענוצען אנדערע.

„פרימעראס“

דאס איז א אלט-אויסגעפרובירטע מארקע פון צעהנדליגער יאהרען.



Biuro Prośb i Podań

p. f. „PROLITEX“

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

ZAŁATWIA: Sprawy paszportowe, Mieszkaniowe, Wszelkie Tłomaczenie i inne.

Redaguje Podania: Do Władz Sądowych, Skarbowych, Administracyjnych i Wojskowych.

Windykacje należności w całej Polsce.

**Informacje o zdolności kredytowej**

**Przepisywanie na maszynach.**

Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.


## יודישע רעפרעזענטאנץ — ר.ק.ס.

0 : 1

זונטאג איז פארגעקומען א מעטש צווישען דער יודישער רעפרעזענטאנץ — און ר.ק.ס. לטובת דעם פ. ז. פ. נ. אין דער יורישער רעפרעזענטאנץ זענען געהען בעטייליגט שפילער פון פאלגענדע קלובען: 6 מאן פון „בר-כוכבא“, 3 מאן פון „מכבי“, און 2 מאן „יוטשניא“. ווי בעוויסט איז ר.ק.ס. די שטארקסטע ספארט=דרוזשינע אין ראדאם. זי איז אלע יאהר מייסטער און קעמפט וועגען אריבערגעהן אין דער ליגע. דער צוזאמענשטעל פון דער יודישער רעפרעזענטאנץ איז געווען א בעפרידיגענד. האט ארויסגעוויזען א זעהר שעהנעם שפיל, אטאקירענדיג זיין געגנער אהן אויפהער מיט געפעהרליכע אנגריפען. ספעציעל האט זיך אויסגעצייכענט די שטורם-ליניע פון דער לינקער זייט, וועלכע האט ממש מיט זיין שפילען ענטציקט דעם גרויסען עולם צוקוקער. אויסגעצייכענט האט זיך אבער אויך דער מיטעל-פאמאץ. וועלכע איז אויף זיין פלאץ טמש קאנקורענצלאז. די שטורם-ליניע פיהרט אדורך א שעהנעם אטאק אין ציעלט אהערליכען גאל. דער רעזולטאט 0:1 פאר דער יודישער רעפרעזענטאנץ בלייבט ביז צו דער פויזע.




אויף דער אנדערע העלפט שטעלט די יודישע רעפרעזענטאנץ א שטארקען ווידערשטאנד, ניט לאזענדיג דעם געגנער קומען צום ווארט. אבשפילענדיג אזוי אנ'ערך פון 10—15 מינוט ברעכט אויס אנ'אינצידענט צווישען סענדזיע און די יודישע שפילער. דער ערשטער פערלאנגט, אז דער בעסטער שפילער פון פלאץ זאל בעזייטיגט ווערען צוליב א גארנישט. די יודישע רעפרעזענטאנץ וויל נישט איינגעהן דערויף און אלע פערלאזען דעם שפילפלאץ אלס פראטעסט.

דעם פאקט האט גראד בייגעוואוינט דער פרעזעס פון פאד=קאלעגיום-סענדזיעס ח' גלינקין, ער האט פערזענליך שטארק רעאגירט און אויסגע'מוסר'ט דעם סענדזיע פאר זיין טאקטלאזע האנדלונג פערזיכערענדיג, אז ער וועט איהם ווי געהעריג בעשטראפען.

די האנדלונג פון „אויסגעצייכענטען“ סענזדיע האט געמאכט א שלעכטען איינדרוק אויף די צושויער און זיי האבען איהם „בעשאנקען“ מיט פייף-אפלאדיסמענטען.




## פון „טאז“

דעם 17-טען מאי ה. י. קימט פאר אין ווארשע, אין דער הויפט פערזאל-טונג פון „טאז“, א צוזאמענפאהר פון פארשטעהער פון יודישע שפיטאלען.

עס איז געווינשען, אז יעדער יודישער שפיטאל זאל אויף דעם צוזאמענפאהר זיין רעפרעזענטירט.

## ציוניסטישע וואהל-קאנפערענץ אין ראדאם

נעכטען דאנערשטאג איז אין „עזרה“ פארגעקומען א ציוניסטישע וואהל-קאנפערענץ, מכח די נאהנטע קהלה-וואהלען. אויף דער קאנפערענץ איז געקומען א גרויסער עולם ווי אויך דעלעגאטען פון זוואלין, אילזשע, פשיטיק א. אנד.

די קאנפערענץ איז געפיהרט געווארען אונטער דער פארזיץ פון ה' יחיאל פרענקעל, וועלכער האט אין פרעזידיום פערבעטען די ה"ה: משה ראטענבערג, משה לוקסענבורג, שטאטווינער און די דעלעגאטען גראספעלד (אילזשע) און קירשענצווייג (וואלין).

אויף דער קאנפערענץ האבען זיך בעטייליגט די דעלעגאטען פון ציוניסטישען צ. ק. אין ווארשא די ה"ה מנחם קירשענבוים און ד"ר יעקב צינאמאן, וועלכע זענען ארויסגעטרעטען מיט לענגערע רעדעס. ס'האט אויך גערעדט ה' פאנעלמאן. צום שלוס פון דער קאנפערענץ זענען אנגענומען געווארען א רייהע רעזאלוציעס.


— די — שענסטע

## טאפעטען

צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען

אין דער לאנג-יעהריגער פירמע

## ש. שטיינמאן

ראדאם, לובלינער 21.

# קעלצער אבטיילונג.

## אויף די וואהל=פראנטען אין דער קעלצער פראווינץ.

**איבער נאכט וואקסען אויס גאנצע שטאבען מיט „פאליטיקער" און „דיפלאמאטען". — מאלאגאשטש מוז נעביך זיצען רוהיג. — דער בוסקער „דיקטאטאר" האט אנגעטייפט אלע בלאקען. — ווי אזוי די פראשאוויצער אגודה איז פטור געווארען פון איהר פרעזעס.**

אין א מזל'דיגער שעה. עס האט זיך אנגעהויבען.

מיט'ן מאמענט, ווען עס האט זיך געענדיגט דער לעצטער טערמין פון אריינטראגען די קאנדידאטען-ליסטעס צו די קהלה-וואהלען אין די יודישע שטערט און שטעדטלעך, האט דער שר הממונה על השלום בעקומען דעמיסיע, און די ממשלה איז איבערגעגאנגען צו... משחיתיאל.

עס ווימעלט זיך און עס ווידמעט זיך, איצט אין דעם געמויזעכץ פון שניפשאק און קאבצאנסק. וואס האט אלע אנדערע עסקים געווארפען אין א זייט, אויף שפעטער, און פערקא-טשענדיג די ארבעל, זיך מיט א פער-געניגען געכאפט צו „פאליטיק" און „דיפלאמאטיע".

וואס גרויסט זי זיך אזוי, און בלאזט פון זיך — די פרינצעסין ווארשא מיט איהרע פאטענטירטע כלל-טהוער? טראכטען, טראכט דאס, אוודאי, די מעטראפאליע, אז עס אין איהר געלונ-גען אלץ צו פערכאפען, אלץ איבערצו-לאזען פאר זיך.

לאכט פון איהר שניפשאק מיט א טארקאסטיש געלעכטער:

— קומץ אראפ צי אינץ וועט עטץ ענק לארנען פאליטיק! מיר קאנען שיין בעסער פאר ענק!..

איהר גלויבט נישט? נאט אייך — באדזענטין.

אויב אטען איז געווען — די שטאדט פון חכמים, איז באדזענטין — די שטאדט פון פאליטיקער.

שייך צו זאגען פאליטיקער. דארט וואקסט מען באלד אלס אזעלכער. והראיה: א 15-יעהריגער בר-נש פיהרט דארט אן מיט די גאנצע וואהלען.

פערהאן דארט א יוד, וואס האט זיך איינגערעדט, אז אויב ער וועט נישט זיין דאזאר... נו... קאן ער נישט לעבען.

א איינרעדעניש אזא.

און ס'שמעקט מיט פיקוח נפשו

לויפט ער, דער דאזיגער מיט'ן לע-בען ריזיקאלישער יוד, צו די ציוניסטן און בעהט א „ארט".

ווילען זיי איהם נישט געבען.

לויפט ער צו אנדערע, און עס פועלט אויך נישט.

האט דער יוד א „קלוג" אייניקעל א בחור'ל פון א יאהר 15. זאגט עס, דאס אייניקעל, אזוי צו זאגען צום זיידעשי:

— שטעל ארויס א ליסטע. פסל די אנ-דערע ליסטעס און די ביזט אויף זיכער דאזאר.

— זיי וועלען זיך לאזען? — פרעגט דער זיידעשי, אריינקלערענדיג אין איי-ניקעל'ס עצה.

— האב נישט קיין מורא. אומעטום טהוט מען איצט שיקאנירען (ער לייענט צייטונגען, - דאס אייניקעל), זייערע רעקלאמאציעס וועלען נישט אנגענומען ווערען...

האט דער זיידע נישט לאנג גע-קלערט און גע'פסלט כמעט אלע ליס-טעס (ער געהער צו די וואהל-קאמיסיע) און גאט איז גאט און דער זיידע איז דאזאר!

קיין איינשטיין בין איך נישט (איהר מעגט עס מיר גלויבען!) אפער איך האב ענטדעקט, אז עפ"י האמעטאפיניק האבען זיך די געדאנקען פון אונזער באדזענטינער העלד אריבערגעטראגען, ממש, ווי אויף א האר צום... בוסקער „דיקטאטאר".

איהר זענט טשעקאווע צוויסען די מעשה בוסק? לייענט די באדזענטינער מעשה און אנשטאט דעם באדזענטינער העלד, זאל זיך אייך דוכטען, אז איך מיין דעם בוסקער ראש הקהל ר' יוסף ט.!

די זעלבע מעשה פאר געוועהנליכע מענשען איז עס שווער צו דערגעהן, אבער פאר מעטאפיזיקער — איז עס א ענין!

אלץ אויף דער וועלט ברויך מזל אפילו א שטאדט אויך.

אין סאמע ברען און געפילדער פון די וואהלען מוז נעביך מאלאגאשטש זיצען רוהיג און שטיל און קלאגען, ווי א אלמנה, איבער איהר „אומגליק".

עפיס, א קליינינקייט. מאלאגאשטש וועט לגמרי קיין וואהלען נישט האבען.

בעשערט געווען יודען א „גליק", איז געקומען א לץ און געמאכט אלץ צונישט.

פערמאגט מאלאגאשטש א וואוילען יונג, פאר וועלכען אלע אין שטעדטעל האבען מורא. פאר די וואהלען איז דער דאזיגער תכשיט ארומגעגאנגען צו אלע פארטייען און גענומען ביי זיי ליסטעס, וועלכע ער האט צוגע-זאגט אריינצוטראגען אין דער וואהל-קאמיסיע, האט ער פון די אלע ליס-טעס געמאכט איין „כורך" און אריינ-געטראגען אין דער וואהל-קאמיסיע א בשותפות'דיגע ליסטע מיט קאנדידא-טען פון אלע פארטייען.

ווען מען האט זיך דערפון דער-וואוסט איז שוין געווען נאך אלעם. עס איז אבגעלאפען דער לעצטער טערמין

און —

מאלאגאשטש וועט קיין וואהלען נישט האבען!

זאל לעבען דער פאראגראף 20.

נישט נאר געגען די „אפיקורסים" קומט ער צונוץ, נאר אויך געגען איי-גענע אנשי שלומינו פון וועלכע מען וויל פטור ווערען.

די פראשאוויצער אגודה האט א פרעזעס, וועלכען מען האט געפאקט רעדען אויג אויף אויג מיט א ציוניסטקע.

איז בעשלאסען געווארען: לא יבוא באגודה!

וועט ער גרינדען א צווייטע אגודה.

איז: לא יבוא בקהל!

געזאגט און געטהון.

„אויפ'ן סמך פון פאראגראף 20 לויט'ן דעקרעט א.א.וו. ווערט ה'.... געשטראכען פון דער וועהלער-ליסטע צו די קהלה-וואהלען".

דאס הייסט אבגעטוהן אויף טערקיש!

ל—ע.

## מאטורע=עקזאמענס אין די יודישע גימנאזיע.

היינטיגע וואך זענען פארגעקומען מאטורע-עקזאמענס אין דער יודישער מענער גימנאזיע.

בעקומען מאטורעס האבען די שי-לער: דזיאלאווסקי ישראל, הערמאן יחיאל, האלצמאן מאטעק, מייטעק יהזקאל, מארימאנט דוד, מאשקאוויטש אברהם, פיאסעצקי ישעיה, פיאסעצקי מאניעק, שמולעוויטש ישראל. שיד-לאווסקי אריה, זלאטא קאפעל.


ברכות מאליפות ולבביות לארושי

שמעון רוזנבלאט עם בחירתו רבקה צוקער

קילצה. ל. רודאל.








### אויף גוטע

גומע-אבצאסען בערסאן קען מען געהן א גאנצען טאג און נישט ווע-רען מיעד. די גומע-אבצאסען בער-סאן זענען אזוי וואונדערבאר עלאס-טיש, אז דאס געהן איז אנ'אמת פערגניגען. דערביי זעהט באך דער שוך אויס פיעל שעהנער ער טראגט זיך לענגער און מען שפארט א סך איין אויפן פעררייכטען אלזא, נאר בערסאן ווייל עס איז נישט פאר-האן קיין בעסערס.



# דער ברידער-קאמפף מוז ליקווידירט ווערען!

דער אונפארטייאישער ראדאמער יוד, וואס איז געשטאנען ווייט פון דעם שדים-טאנץ, וואס האט זיך געפיהרט אין ראדאם שוין עטליכע יאהר בנוגע דעם קהלה-לעבען, האט פעסט געגלויבט, אז ביי די קומענדיגע וואלען וועלען די „איינפיהרער" פון ביזאיצטיגען „ברידער-קאמפף" זיך אבגעבען א דין וחשבון, וואס זיי האבען אנגעטוהן און וועלען עפענען די אויגען, אז עס איז שוין געקומען די העכסטע צייט צו לייגען דאס געוועהר און מאכען א וואפענשטילשטאנד, און ענדליך ליקווידירען די מחלוקה, וואס האט איינגעשלינגען ריזיגע סומען קהל'שע געלדער פאר אעלכע מ'האט געקאנט אויפשטעלען די שענסטע שוהל אדער אנ'אנדערע וויכטיגע אינסטיטוציע און ווייסער געלד האבען די דאזיגע ת"א פערשווארצט דעם נאמען פון די ראדאמער יודען און פון דער יודישער און נישט יודישער וועלט; אז די דאזיגע דיריגענטען האבען זיך שוין איבערגעצייגט, אז דער ראדאמער „דעת הקהל" איז געגען פיהרען מחלוקת, אז די ראדאמער יודען וועלען דארפען אויף זיך טראגען די שווערע לאסטען, וואס די דאזיגע מלחמה האט אבגעקאסט, ווארום אויב דער געוועזענער מאגיסטראט האט בעלאסטעט די שטאדט מיט ריזיגע חובות קאן ער לכל הפחות אנווייזען אויף ריזיגע אינסטיטוציעס, בנינים א. ז. וו. וואס ער האט געשאפען.

אויף וואס קאנען מיר אבער אנווייזען אויסער חשבונות פון אדוואקאטען, געריכטען, פראצעסען, טריבונאלען און סתם ארכיוען מיט טויזענטער מעמאריאלען, און אפשר מיינט מען אז דא האט זיך געהאנדעלט וועגען יודישע רעכטע, פריווילעגיעס, אדער סתם טובת הכלל, איז אויך נישט. דא האט זיך פשוט געהאנדעלט צופריעדען צושטעלען איינעגע יחידים, תקיפים, וואס צוליעב זייערע פערזענליכע אמביציעס און פריוואט-חשבונות האבען געוואלט פאר יעדען פרייז בעזייטיגען דעם רב פון זיין רבנות, באדיי די גאנצע וועלט זאל אונטערגעהן, פון אלע רעכט זיך אבזאגען, אבי „געהאלפען" צו ווערען מיט די גרויסע ישועה, אז הרב קעסטענבערג זאל נישט זיין קיין ראדאמער רב...

אבער דער אביעקטיווער יוד, וואס איז אין דער נעץ פון מחלוקת נישט אריינגעשלעפט געווארען שטעהט יעצט און פרעגט זיך הויך: ווי לאנג נאך? הלנצח תאכל חרבך? צו איז נאך נישט צייט א סוף צומאכען צו דעם כאאס וואס הערשט דאן? צי דארף מען נישט מאכען דעם טרויעריגען סך-הכל, וואס איז אבגעטוהן געווארען ביז היינט? ווי לאנג נאך וועט איהר יחידים נישט ארויסלאזען דעם העצע-מאטעריאל פון אייערע הענד און זיך דערווייטערען פון דעם מלחמה-פלאץ? שוין די העכסטע צייט איהר אלע זאלט געגענזייטיג אויסשטרעקען די הענד צו שלום און מיט געמיינזאמע כחות אויפצובויען די חורבות, וואס זענען געמאכט געווארען און אויך די קאמפפס-לוסטיגע איז א שאד פון די מלחמה צו רעזיגנירען דארפען זיי פון דער יודישער מחנה בעזייטיגט ווערען און דארפען בעצייכענט ווערען אלס מחריבי קרתא און זיי אונשעדליך מאכען זיי זאלען קיין איינפלוס אויף די נאאיווע מאסען נישט האבען.

**א. שטעלמאך.**


די פערוואלטונג
פון דער אויטאבוסן-קאמוניקאציע אין ראדאם

האט געלאזט אין פערקעהר א אויטאבוסן-קאמוניקאציע פון די מלוכה'שע אינזשינירען זאקלאדען „URSUS"

— אין די ריכטונגען: —

ראדאם—ביאלאבזשעג
גראיעץ—ווארשא

טעגליכער אבגאנג פון אויטאבוסן-וואקזאל אין ראדאם 6.30 און 8 פריה
אין ווארשא 4.50 און 9 אוו.

בעקוועמליכקייט—פינקטליכקייט—געזיכערטקייט.



יודישער האנדווערקער וואל-קאמיטעט צו דער קהלה אין ראדאם № 3

שבת דעם 16-טן מאי 3 נ. מ. קומט פאר
א מאסען-מיטינג
געווידמעט די וואהלען צו דער קהלה

רעפערירען וועלען די ה"ה:
י. וויינגארט, ש. ח. בערקאוויטש, ש. פישמאן און ש. איידעלבוים
איינגאנג נור פאר וואהל-בארעכטיגטע.

№ 3 אלע האנדווערקער און קליינהענדלער שטימען פאר די איינציגע האנדווערקער ליסטע № 3



GARBATKA — PENSJONAT L. Rozenbergowej

DLA DZIECI i MŁODZIEŻY.

Pięknie i w centrum położona willa, światło elektryczne. Słoneczne i śliczne pokoje z całodziennem utrzymaniem. Smaczna wykwintna kuchnia rytualna, na żądanie jarska. — Troskliwa opieka pod kierunkiem wykwalifikowanej wychowawczyni.

**Otwarcie pensjonatu dnia 1-go Maja 1931 r.**

Przez miesiące MAJ, CZERWIEC pokoje dla dorosłych.

Ceny przystępne.



RZEŹNIA MIEJSKA

sprzedaje

**Lód sztuczny**

po CENIE: 4 gr. za kilogram loco Rzeźnia Miejska
6 gr. „ z dostawą do domu

Zamówienia na lód uprasza się zgłaszać w godzinach urzędowych do biura Rzeźni osobiście lub telefonicznie

Telefon Nr. 562.


Felczer H. GRINSZTEJN Żeromskiego 30 **Szczepienie ospy.**

Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Wyd. Radomer-Kielcer Leben" Radom Szwarlikowska 20